בנוגע פרשת "ווייס וואלהענדלער ניימאן"

בס"ד

חמשה עשר באב תשע"א לפ"ק

לכבוד אונזערע טייערע חשובע טאטע שיחי'

מיר האבן ערהאלטן אייער הארציגע בריוו, אבער מיר בעטן דיר זייער שטארק אז דו זאלסט דאס נישט טאן צו אונז, דו זאלסט אונז נישט דערווייטערן פון דיר.

אונזער מאמע זאגט אז זי טוט דאס נאר ווייל דו דארפסט אונז נישט, "עטס ווערסט זעהן אז וויבאלד עס וועט אנקומען שווער פאר ענקער טאטע וועט ער ענק אוועק ווארפן, די געזעץ זאגט אז מען קען נישט ארויסטראגן קינדער פון זייער וואוין-ארט אן ערלויבעניש פוןביידע עלטערן, אבער ענקער טאטע וויל זיך נישט אנשטרענגן פאר ענק".

טאטי טייערע, מיר דארפן סיי טאטי און סיי מאמי, מיר זענען זיכער נישט שולדיג אז עטס האטס ענק נישט פארשטאנען און זיך צעטיילט, פאר וואס זאלן מיר דארפן ליידן, מיר ווילן זיין נאנט צו טאטי און מאמי.

טאטי, די חכמים זאגן אונז "אין דבר העומד בפני הרצון", דו ווייסט דאך אז עס איז נישט אין אונזערע הענט צו טאן עפעס דערוועגן, אבער אויב די ווערסט אמת'דיג ווערן, וועלן מיר בלייבן דא נעבן דיר, און דו ווערסט בעזהשי"ת פון אונז זעהן אסאך אידיש נחת.

דער הייליגער באשעפער זאל דיר געבן כחביי-צושטיין די נסיון, און זאל אונז שוין אויסלייזן פון דעם גלות בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

דיין געטרייע קינדער
שיינדי, משה און יוסי